בעזרת השם יתברך

חג הפסח זמן חירותינו תשפ"ו גליון כ"ה

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

אונזער הייליגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון
תלמוד תורה עבודת
משולם פייש ד'טאהש



# מתוך דברות קודש
# של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**אצל ביקור הקודש בתלמוד תורה עבודת משולם פייש טאהש במאנסי**
**ב' דחנוכה תשפ"ו העעל"ט**

**טייערע קינדערלעך עטץ זענטס אלע זייער זייער וואוילע קינדערלעך. איך זעה אויף ענק אז די שכינה ליגט אויף ענקער פנים, דער אויבערשטער קוקט אויף ענק זייער אראפ פון אויבן, ער זעהט ווי וואוילע אינגלעך עטץ זענטס.**

**אבער עטץ דארפטס וויסן איין זאך קינדערלעך. קינדער פון די טאהש'ע חדר דארפן גיין מיט גרויסע קאפלעך, די קאפל דעקט צו די מח פון די קאפ, וואס דא גייט אריין די גאנצע תורה וואס מען לערנט און די גאנצע דאווענען וואס מען דאווענט, נאכדעם גייט מען און מען דעקט עס צו, אבער טאמער עס איז אפען קען עס ארויספליען.**

**וועגן דעם קינדערלעך דעקט מען עס צו, עס זאל אלעמאל זיין צוגעדעקט. ווען מען גייט אהיים זאגט מען פאר די מאמע, איך דארף א גרויסע קאפל וועגן איך לערן און די טאהש'ע חדר, איך דארף א גרעסערע קאפל ווייל דאס וואס מען דאווענט און מען לערנט קען ארויספליען, זאלט עטץ זעהן עס צו צודעקן.**

מוסדות בלעטל

# פנים חדשות

## פאלגענד איז די ליסטע פון די לעכטיגע קינדערלעך וואס זענען אריינגעקומען אונעם תלמוד תורה דעם זמן פון חורף תשפ"ז

הילד החשוב יצחק אייזיק סג"ל לאווי
בן הגה"צ אבדק"ק שליט"א
בן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א-חתן הגה"צ ר' ישראל סיני וואגשאהל שליט"א מ'לאנצוט

הילד החשוב אליעזר בעק
בן הרב משולם שליט"א
בן כ"ק אדמו"ר מ'טשערקאס שליט"א-חתן כ"ק אדמו"ר בעל שיח חיים מ'קאשוי זי"ע

הילד החשוב יוסף מאיר מיללער
בן מו"ה זושא מרדכי הי"ו
בן מו"ה -חתן מו"ה משה יודא קליין הי"ו

הילד החשוב משה לעווין
בן מו"ה דוד נ"ו
בן מו"ה חיים ישכר דוב הי"ו- חתן מו"ה שלמה קארנהויזער הי"ו

הילד החשוב יהודה גרינפעלד
בן הרב יוסף שליט"א
בן הגה"צ אב"ד נירעדהאז ארה"ק שליט"א-חתן כ"ק אדמו"ר מ'ראזלא שליט"א

הילד החשוב יודי גלויבער
בן מו"ה ישראל מאיר הי"ו
בן מו"ה משה הי"ו-חתן מו"ה ר' ישראל משה בראדי הי"ו

הילד החשוב רפאל האס
בן מו"ה אלי' הי"ו
בן מו"ה משה יצחק הי"ו-חתן מו"ה יואל בלום הי"ו

הילד החשוב ישעי' פיש
בן הרב אפרים יואל שליט"א מלמד במוסדותינו הק'
בן הרה"צ מרדכי יודא שליט"א-חתן הרב חיים שלמה בערגער שליט"א

הילד החשוב ישראל יעקב יוקל טייטלבוים
בן מו"ה אפרים פישל הי"ו
בן הרב משה אהרן שליט"א מ'לאפאש-חתן מו"ה יחיאל מיכל באש הי"ו

הילד החשוב ישכר דוב קעלנער
בן מו"ה פנחס הי"ו
בן מו"ה יחזקאל הי"ו-חתן מו"ה פנחס אהרן קופפערשטיין הי"ו

הילד החשוב נחמן לעפקאוויטש
בן מו"ה אברהם גרשון הי"ו
בן מו"ה חיים מרדכי הי"ו-חתן מו"ה משה דוד דוב וייל הי"ו

הילד החשוב יוסף ראטטענשטיין
בן מו"ה יואל הי"ו
בן מו"ה יעקב שאול הי"ו-חתן מו"ה יוסף פיינשטיין הי"ו

הילד החשוב חיים בנימין וויינשטאק
בן מו"ה אברהם הי"ו
בן מו"ה אהרן הי"ו-חתן מו"ה יושע משה טייטלבוים הי"ו

# בין כותלי המוסדות

**ווען מיר לויבן און דאנקען השי"ת אויף אלע נסים ונפלאות וואס השי"ת האט געטון פאר אונזערע עלטערן איז די זמן זייער מסוגל צו דאנקען השי"ת אויף די אלע זאכן וואס ער טוט פאר אונז שטענדיג אונעם הייליגן מוסדות פונעם הייליג'ן רבין ז"ע. אצינד יעצט בבחינת ובתוך רבים אהללך ווען מיר אביסל דא מיטטיילן מיט אייך די חשובע לייער פונעם גליון איבער די גרעסערע מאורה'ס וואס איז פארגעקומען בין כותלי מוסדותינו הקדושה און דעם פארלאפענעם זמן החורף העעל"ט.**

## ביקור הקודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

דעם פארגאנגענעם דינסטאג דעם צווייט'ן טאג חנוכה האבן די לעבטיגע צאן קדשים תלמידי מוסדותינו הקדושים געהאט די זעלטענע זכי' צו ענטפאנגען הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א וואס האט געווילט דא אין שטאט לרגל די גרויסארטיגע שמחה די שמחת התנאים בבית בנו יקירו הגה"צ אבדק"ק שליט"א האט די רבי אויסגענוצט די געלעגנהייט און געקומען אביסל זיך אומ'קוקן אויף די לעבטיגע צאן קדשים וואס שטייגן און וואקסן און זיינע הייליגע מוסדות. אויפ'ן הייליגן דרך המסורה לנו פון רבינו הקדוש ז"ע.

די רבי שליט"א איז אנגעקומען און די פריע נאכמיטאג שעות, און באגלייטונג פון בנו הגה"צ די רב שליט"א און חתנו הרה"צ ר' נחמן כהנא שליט"א ווי אינדרויסן פונעם בנין המוסד האבן אפגעווארט דעם רבי'ן די געטרייע הנהלת המוסדות און שפיץ פונעם מנב"ל המוסדות מו"ה שלמה גרינבוים הי"ו.

צום אלעם ערשט איז די רבי ארום געגאנגען צווישן די כתות און מיטגעהאלטן ווי די רבי האט מיטגעהאלטן ווי די חשובע קינדערלעך לערנען פלייסיג די הייליגע תורה. עס איז קענטיג געווען אויפן רבי'ן די גרויסע קורת רוח צוזעענדיג אזא מחזה הוד.

פון דארט איז מען אריבער צום עס-זאל ווי עס זענען שוין דארט געווען פארזאמלט אלע תלמידי המוסדות אונטער די אויפזיכט פון די חשובע מלמדים. און אפגעווארט דעם רבי'ן מיט בגדי שבת ווי עס פאסט. ווי נאר די רבי האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בימת הכבוד האבן די קינדער'לעך אנגעפאנגען זינגען ווארימע נגינים ווי עס איז געווען א מחזה הוד צוצוקוקן די הייליגע מאורה.

צום ערשט האט גענומען דאסווארט די געטרייע איבערגעגעבענע סגן מנהל הרב ר' משה מרדכי שטיינבערגער שליט"א וואס האט בשם די חשובע תלמידי המוסדות און די מלמדים באגריסט דעם רבי'ן, און איבערגעגעבן א באריכט פאר'ן רבי'ן פון די תלמוד תורה ווי די קינדער שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתויר"ש. ווי עס האט זיך אנגעזעהן א שטארקן קורת רוח אויפ'ן רבי'ן הערנדיג איבער די הייליגע פעולות המוסדות.

דערנאך זענען אלע קינדער אדורך דעם רבי'ן שליט"א כבני מרון און באקומען מטבעות קודש פונעם רבי'ן, ווי די רבי האט זיך אינטערסירט אויף יעדע אינגל וויאזוי ער הייסט און וואס ער מאכט.

צום לעצט האט מען זוכה געווען אז די רבי האט משמיע געווען דברות קודש ספעציעל געאייגענט פאר די לעבטיגע קינדער און בתוך הדברים מעורר געווען איבער די נושא פון גיין מיט א גרויסע קאפל וויזענדיג ביז ווי און פון ווי די קאפ דארף זיין צוגעדעקט, ווי די ווערטער פונעם רבי'ן זענען אריין און די הערצער פון די לעבטיגע צאן קדשים.

דערנאך איז די רבי געווארן ארויס באגלייט דורך די לעבטיגע צאן קדשים, און זיך געשטעלט דאווענען מנחה און איינע פון די קלאסן אינאיינעם מיט די משמשים בקודש און די חשובע מרביצי תורה.

גאר אינטערעסאנט איז געווען ווען מען האט געוויזן דעם רבי א פראגראם פון געלט וואס האט דערויף בילדער פון די ערשטע באזוך פון רבינו בשנת תשפ"ג ווען אין חדר האט דאן געלערענט גאנצע פינעף!! קינדער אלע נאך מיט האר, ב"ה זה הקטן כבר גדול הוא. די רבי האט דאן געזאגט בדרך צחות אז מען זאל גרייטן בילדער פון יעצט צו וויזן אין צוויי יאר ארום.

בעפאר די רבי איז ארויס פונען כתה האט זיך די רבי אפגעשטעלט ביים ספעציעלן טאוועל פונעם פרנס היום. ווי מען לייגט אריין יעדן טאג די נאמען פונעם נדבן וואס האט די זכי' צו זיין די פרנס פונעם טאג, ווי די רבי האט זיך אינטערעסירט איבער די פעולות און אנגעוואונטשן ווארימע ברכות אז מען זאל ווייטער קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש און אנגעוואונטשן אלע חשובע תומכים וואס שליס'ן זיך אן מיט א זכות פרנס היום אז יעדער איינער זאל זיין געבענטשט מיט אלע גוטע ברכות. און די רבי זעלבסט האט זיך אנגעשלאסן אל'ן א חלק און אפגעקויפט די זכות פרנס היום פונעם היינטיג'ן דאנערשטאג אונעם מוסדות.

דערנאך האט מען ארויס באגלייט דעם רבי'ן אויפ'ן וועג אהיים למעון הקודש צו קריתינו הקדושה.
עס איז צום האפן אז די באזוך זאל האבן אויפגעטוהן אלע גוטע זאכן און עס זאל מקיים ווערן דעם בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה והוא הדרה.



מוסדות בלעטל

# שמחת תגלחת בן הגה"צ אבדק"ק שליט"א

דעם פארגאנגענעם פרייטאג פרשת ויקרא איז געפראוועט געווארן בין כותלי מוסדותינו הקדושים די געהויבענעם שמחה בבית צדיקים שמחת החלאקע פונעם רבינ'ס אייניקל הילד החשוב יצחק אייזיק סג"ל נ"י מתלמידי המוסדות בן הגה"צ אב"ד שליט"א בנו יקירו וחביבו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א נשיא המוסדות.

די געהויבענע מעמד האט זיך אנגעפאנגען פרייטאג אינדערפרי שעה'ן ווי די קינדער האבן שוין אפגעווארט די געהויבענע בני משפחה אין חדר האוכל שע"י בנין המוסדות וואס איז געווען שיין אנגעגרייט לכבוד די גרויסע שמחה בחצרות קדשינו די גאנצע מעמד איז הערליך געפירט געווארן אינטער די אויפזוכט פון די געטרייע איבערגעגעבענע מלמדים פונעם תלמוד תורה. ווען מען האט מקבל געווען די ילד החלאקא אינאיינעם מיט הגה"צ אבד"ק שליט"א האבן צום ערשט די קינדער געזינגען אינאיינעם אפאר ניגוני שמחה און ניגונים וואס מען זינגט ביי א שמחה בחצרות קדשינו אנגעפירט דורכ'ן געטרייע און איבערגעגעבענע סגן מנהל הרב משה מרדכי הכהן שטייבערגער שליט"א.

דערנאך האט די ילד החלאקע געזאגט די הייליגע אלף בית צוזאמען מיטן מלמד מומחה רבות בשנים הרב חיים ראטטענשטיין שליט"א מלמד כתה א' במוסדותינו הק'.

דערנאך האט די גרויסע בעל שמחה הגה"צ די רב שליט"א געמאכט א לחיים און מעציל געווען ברכות לרוב פאר אלע לעבטיגע קינדערלעך און עקסטער אנגעוואונטשן די געטרייע מלמדים און עוסקים במלאכת הקודש זיי זאלן ווייטער קענען אנגיין מיט זייער עבודת הקודש מיט'ן מרביץ תורה זיין פאר די לעבטיגע ערליכע קינדערלעך.

דערנאך זענען אלע קינדער אדורך געגאנגען געבן לחיים און דער רב האט פארטיילט לקח פאר אלע קינדער און זיך אינטערסירט אויף יעדע אינגל ווער ער איז און וואס ער מאכט. תיכף ווען די געהויבענע מעמד האט זיך געשלאסן זענען אלע קינדער אהיים געגאנגען.

אן אינטערסאנטע עפיזאד האט זיך אפגעשפילט ווען די קינדער זענען אהיים געגאנגען. ווען בשעת דעם איז געשטאנען הגה"צ די רב שליט"א און זיך צוגעקוקט מיט א קענטיגע הנאה צו זעהן ווי די לעבטיגע קינדערלעך גייען אהיים אזוי איידל און באשיידן ווי עס פאסט פאר קינדער וואס גייען אין די הייליגע רבי'ס מוסדות.

ווען אלע קינדער זענען שוין געווען אויף די באסעס איז הגה"צ די רב שליט"א ארויף אויף די באסעס צו זעהן ווי אזוי די קינדער פירן זיך אויף.

דאס שמחה האט איבערגעלאזט גאר שטארקע חיזוק פאר די לעבטיגע תלמידי המוסדות אצוגיין ווייטער אויפ'ן הייליג'ן דרך וואס מיר האבן מקבל געווען פון רביה"ק זי"ע און ווי עס פירט אונז ווייטער אבינו רועינו הוד כ"ק מרן מרן רבינו שליט"א צו שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות טובות.

דער אויבערשטער זאל העלפן די שמחה זאל זיך ווייטער ציען און די רב זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט און ווייטער קענען אנגיין מיט די הרבצת התורה און שטיין אין שפיץ פון די וועד הרוחני פון מוסדותינו הקדושים המתנוסס לתפארה געזונטערהייט. און עקסטערע ברכה פארן ראש בית אב אבינו רועינו הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א ער זאל ווייטער זעהן אסאך תענוג ונחת פון דעם אייניקל און פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט און פון אונז די לעבטיגע תלמידים הקרויים בנים און ווייטער קענען פירן די עדה הקדושה על מי מנוחות און אונז אנטקעגן פירן משיח צדיקנו בב"א.

# באנייט א שפאגל נייע באס

אין א מזל'דיגע שעה האבן די לעבטיגע קינדערלעך באצייט א שפאגל נייע באס וואס איז געקויפט געווארן דורך די געטרייע הנהלת המוסדות מיט'ן הילף פון א חשובע נדבן מחשובי תומכי מוסדותינו הקדושה. דאס קומט נאך וואכן און חדשים וואס די געטרייע הנהלת המוסדות האט געארבעט מיט אלע כוחות צו איינהאנדלען אן אייגענע באס לתועלת פון די חשובע קינדער ווען ביז דעמאלטס האט די תלמוד תורה גענוצט א געדינגענע באס און ב"ה יעצט איז מען געקומען אל המנוחה ואל הנחלה.

וברם יזכר לטובה דארפן מיר ארויסברענגען לשבח ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו לב טוב ה"ה הרבני הנגיד הנכבד הרב יואל מתתי' זילבער הי"ו מגדולי תומכי מוסדותינו הקדושים וואס האט זיך אוועק געגעבן פארן מוסדות בלב ובנפש ובפרט פאר'ן ארויסהעלפן מיט די טראנספארטאציע אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב און אן עקסטערע יישר כח פאר זיין חשובע מיטארבעטער ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו הרבני הנכבד הרב שלמה קארנהויזער הי"ו פאר'ן אונז שטיין צו די האנט מיט א זעלטענע געטריישאפט דער אויבערשטער זאל זיי באצאלן אין זכות פון רביה"ק זי"ע וואס די הייליגע מוסדות איז נקראת על שמו אז זיי זאלן ווייטער קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש און קענען ווייטער אויפטוהן גדולות ונצורות און זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך עד מאה ועשרים שנה און אלעס גוט'ס.

השי"ת זאל העלפן אז אין די זכות פונעם הייליג'ן רבי'ן זי"ע זאל די חשובע נדבן זיין געבענטשט מיט אלע גוטע השפעות טובות און קענען ווייטער ארויסהעלפן די הייליגע רבי'ס מוסדות און זעהן אסאך תענוג ונחת פון אלע קינדער און אייניקלעך.



מוסדות בלעטל

# מהנעשה והנשמע

נייעס און באריכטן פון תלמוד תורה עבודת משולם פייש טאהש

## הכנה ליו"ט

**טעג און נעכט און וואכן קען מען זאגן בלי גוזמה האבן די לעכטיגע קינדערלעך אריינגעלייגט זיך צו גרייטן צום הייליגן גרויסן יום טוב פסח וואס מיר טרעטן אצינד אריין. געלערנט און געחזר'ט און געהערט שיינע ענינים אויפן גרויסן הייליגן יום טוב והעולה על כלנה זיך גרייט געמאכט צו מקבל זיין אלע השפעות פונעם הייליגן גרויסן יום טוב וואס דאס איז די חיות פאר א גאנצן יאר.**

אצינד וועלן מיר אדורך גיין יעדע כתה וויאזוי זיי האבן זיך געגרייט צום הייליג'ן יום טוב.

## נורסערי

אין די נורסערי קלאס האבן זיך די לעכטיגע קינדערלעך געגרייט צום הייליג'ן יום טוב דורכ'ן צו הערן צו די הייליגע סיפור יציאת מצרים וואס די חשובע מלמד הרב אפרים יואל פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע האט מיט זיין זעלטענעם לשון לימודים פארציילט פאר די חשובע קינדער.

ווי אויך האבן די קינדער אינאיינעם געמאכט א ערליכע הגדה של פסח מיט אלע טעמים און קאלירן.
די חשובע מלמד האט אריינגעלייגט מורא'דיגע כוחות אז די לעכטיגע קינדער זאלן קענען די הייליגע סימנים און די הייליגע מה נשתנה ווי עס פאסט פאר א חשובע אינגל פון די טאהש'ע חדר.

## קינדערגארטן

אין די קינדערגארטן קלאס האבן זיך די לעכטיגע קינדערלעך געגרייט צום הייליג'ן יום טוב דורכ'ן צו הערן צו די הייליגע סיפור יציאת מצרים וואס די חשובע מלמד הרב שמואל פישער שליט"א האט מיט זיין זעלטענעם לשון לימודים מקיים געווען די למען תספר באזני בנך און פארציילט פאר די לעכטיגע קינדערלעך די הייליגע סיפור פון יציאת מצרים.
ווי אויך האט די חשובע מלמד זיכער געמאכט אז די לעכטיגע קינדער קענען זאגן און פארשטיין די הייליגע סימנים וואס מיר זאגן ביים סדר און פרעגן ווי א גרויסע אינגל די פיר קשיות ווי עס פאסט.

ווי אויך האט מען געמאכט א ערליכ'ן הגדה וואס די קינדער גייען קענען ניצן ביים סדר די יאר פסח.
והעולה על כלנה האט די געטרייע מלמד אויסגעשפילט אין חדר א געהעריגע סדר כדי די קינדער זאלן ארויס האבן די גאנצע סדר מיט א קלארקייט פונקטליך וואס מען טוט און פארוואס מען טוט עס אזוי ווי עס פאסט פאר א גרויסע אינגל פון די טאהש'ע חדר.

## כתה א'

אין די כתה א' קלאס האבן זיך די לעכטיגע קינדערלעך געגרייט צום הייליג'ן יום טוב דורכ'ן צו הערן צו די הייליגע סיפור יציאת מצרים וואס די חשובע מלמד מומחה רבות בשנים הרב חיים ראטטענשטיין שליט"א האט מיט זיין זעלטענעם לשון לימודים פארציילט פאר די חשובע קינדער.

ווי אויך זענען די חשובע קינדער פון כתה א' אדורך אינאיינעם מיט די חשובע מלמד, די גאנצע הגדה אין א הגדה. כדי צו ארויסהאבן פונקטליך וואס מען זאגט, ווען מען הייבט אויף די כוס, ווען מען דעקט אויף די מצות, און אזוי ווייטער. דאס קומט נאך טעג און וואכן וואס די קינדער גרייטן זיך צום הייליגן יום טוב דורכ'ן לערנען יעדן טאג א שטיקל אין א הגדה של פסח.
ווי אויך האט די חשובע מלמד אויסגעלערנט פאר די לעכטיגע קינדער שיינע ניגונים לכבוד פסח, וואס די קינדער האבן עס איינגעחזר'ט עס צו קענען גוט לכבוד יום טוב.

די לעכטיגע קינדער פון כתה א' האבן אזוי פיל מאל געחזר'ט די הייליגע סימנים און די פיר קשיות כדי זיי זאלן עס קענען נאך זאגן ביים סדר נאכט מיט א געוואלדיגע חשק און א געשמאק. און מיט דעם פארשאפן פאר די חשובע עלטערן אסאך נחת.
צום לעצט לכבוד יום טוב האט די חשובע מלמד אנגעגרייט פאר די לעכטיגע קינדער דריי באזונדערע ספרים איינס איז א ערליכע הגדה של פסח וואס די קינדער וועלן קענען ניצן ביים סדר און קענען מיט האלטן די גאנצע סדר נאכט ווי א גרויסע אינגל.
די צווייטע איז א ערליכע עברי פסח ביכל וואס כדי שלא יבוטל התמיד זאלן די לעכטיגע קינדער קענען חזר'ן די עברי וואס מען האט געלערנט דאס יאר אין חדר.
די דריטע איז א ערליכן קונטרס הניגונים פון אלע ניגונים וואס די חשובע מלמד האט אויסגעלערנט פאר די קינדער לכבוד יום טוב.



מוסדות בלעטל

## כתה ב'

אין די כתה ב' קלאס האבן זיך די לעבטיגע קינדערלעך געגרייט צום הייליג'ן יום טוב דורכ'ן צו הערן צו די הייליגע סיפור יציאת מצרים וואס די חשובע מלמד הרב משה מרדכי הכהן שטייבערגער שליט"א האט מיט זיין זעלטענעם לשון לימודים מקיים געווען די למען תספר באזני בנך און פארציילט פאר די לעבטיגע קינדערלעך די הייליגע סיפור פון יציאת מצרים.

די לעבטיגע קינדער פון כתה ב' גרייטן זיך שוין די לעצטע חודש צייט דורכ'ן זאגן די הייליגע הגדה אינערווייניג אין א הגדה כדי עס זאל זיין שגורים בפיהם און קענען מיטזאגן די הייליגע הגדה מיט די גאנצע משפחה ווי עס פאסט פאר א גרויסע כתה ב' אינגל פון די טאהש'ע חדר.

ווי אויך האט די חשובע מלמד פארציילט פאר די לעבטיגע קינדער חוץ פון די סיפור יציאת מצרים וויאזוי עס האט אויסגעזעהן די יו"ט פסח ביי אונזערע רבי'ס די צדיקי ומאורי הדורות כדי די קינדער זאלן עס ארויס האבן מיט א קלאר קייט מיט וואספארא סארט צוגאנג און ערליכע איד דארף צוגיין צום סדר נאבט

**השי"ת זאל העלפן אז כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו מיר זאלן שוין בקרוב זוכה זיין אז לשנה הבאה בירושלים מיט'ן משיח אינאיינעם ומלכינו בראשינו בב"א**

**השי"ת זאל העלפן מיר זאלן ווייטער זעהן אסאך אידיש נחת**

## ברכת מזל טוב

להאי גברא יקירא ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו עוסק בלי ליאות למען הכלל והפרט ובפרט למען קדשי בית טאהש ה"ה העסקן הנמרץ לכל דבר שבקדושה

### מו"ה אהרן אשר יעקב הערשקאוויטש הי"ו

מראשי מפעל איחוד תלמידי וחסידי טאהש
ומחשובי הורי מוסדותינו הקדושים

לרגל שמחתו הגדולה
בהולדת בתו למז"ט

ובהאי שתא נביע תודתינו על כל הטוב והחסד שעשה לנו בכל עת ובכל זמן בלב טוב להרבות גבולות הקדושה בלי תשלום גמול

השי"ת יעזור בזכות רבינו הקדוש זי"ע שהמוסדות נקראת על שמו שיזכו לגדלו ולהכניסו לתורה ולבעל תורה ולעבודה ולחופה ולמעשים טובים ויזכו לראות תענוג ונחת מכל יוצאי חלציו עדי נזכה לביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א

המברכים
ההנהלה





שמחת החלאקע פון הילד החשוב יצחק אייזיק סג"ל נ"י בן הגה"צ אב"ד שליט"א בנו יקירו וחביבו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א נשיא המוסדות.



באזוך פון כ"ק מרן רבינו שליט"א און מעמד חליקת המטבעות בימי החנוכה



די שפאגל נייע באס וואס די ת"ת האט זיך איינגעהאנדלט בשעה טובה ומצלחת



די הערליך אנגעגרייטע מעמד אמה של מלכות פארגעקומען פאר די חשובע נשים צדקניות






די חשובע קינדערלעך פון נורסערי ביים אויפשפילן א עכטע סדר נאכט און בעפארברייטונג צום יום טוב פסח הבעל"ט






די חשובע קינדערלעך פון נורסערי ביים אויפשפילן א עכטע סדר נאכט און בעפארברייטונג צום יום טוב פסח הבעל"ט






די חשובע קינדערלעך פון קינדערגארטן ביים אויפשפילן א עכטע סדר נאכט און בעפארברייטונג צום יום טוב פסח הבעל"ט

# מעמד נהדר אמה של מלכות

נאך א גאר זעלטענעם געהויבענע מעמד איז פאריבער די ווינטער בין כותלי המוסדות. דאס איז די געהויבענע מעמד אמה של מלכות וואס כשמו כן הוא. א מעמד ספעציעל געאייגענט פאר די חשובע מאמע'ס פונעם מוסדות. די מעמד איז פארגעומען זונטאג נאכט פרשת ויחי בבנין המוסדות. ווי די גאנצע תלמוד תורה איז געווען הערליך שיין אויסגערישט ווי עס פאסט לכבוד אזא הייליגע מאורה. אויף יעדע אינגל'ס פלאץ איז געווען א צעטיל מיט די נאמען פון ווער עס זיצט דארטן. און א ספעציעלע מתנה'לע איז געווען אנגעגרייט אויף יעדע אינגל'ס פלאץ אז זיין מאמע זאל עס אים אהיים ברענגען. דערנאך זענען די חשובע עלטערן אריין אינעם עס-זאל ווי עס איז געווען שיין אהער געשטעלט ווי מען האט פארברענגט אינאיינעם און זיך באקענט איינער מיט'ן צווייט'ן אויך איז אנוועזנד געווען דארטן די חשובע פרויען פון די געטרייע מלמדים וואס האבן א שטארקע חלק אונעם הצלחה פון די לעבטיגע קינדערלעך ווי מען האט פארברענגט אינאיינעם און געהערט דרשות פון וועלט בארימטע רעדערינ'ס וואס האבן ארויס געברענגט די חשיבות און די תכלית פון א אידישע מאמע.

די מעמד האט זיך געשלאסן ווען די חשובע מאמע'ס האבן זיך אינטערגענומען שיינע סיכומים אריינצוברענגען למען עתיד וביסוס המוסדות און טאקע און די נאכפאלגענדע וואכן האט זיך אנערקענט די שטארקע ווארעמ'קייט וואס די חשובע עלטערן האבן צום הייליג'ן מוסדות. נאכדעם וואס מען האט געזעהן די שיינע סכומים וואס זיי ברענגען אריין.

די מעמד איז באצייכענט געווארן מיט א מורא'דיגע סוקסעס און עס איז צום האפן אז עס זאל האבן אויפ'געטוהן אלעס וואס עס דארף.

# מוסדות בלעטל

# פונעם סגן מנהל'ס טיש

א באריכט מה נעשה ונשמע בין כותלי המוסדות מיט'ן סגן מנהל הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט"א

טייערע עדלע טאטישע חסידים תלמידי וידידי בית אבא.

מיר ווילן ארויס נעמען עטליכע מינוטן און מיט טיילן מיט אייך די געוואלדיגע שמחה און ליכטיגקייט וואס קומט פאר אונזערע מוסדות שטאט נוי יארק. ווי כ"ק רביה"ק זי"ע האט כדאי געהאט אויפשטעלן הייליגע מוסדות וועלכע זאל זיין נאך א צווייטע אינעם מוסדות שטאט פון עבודת עבודה דינען דעם אייבערשטן. ווי רביה"ק זי"ע האט זיך אויסגעדריקט פאר איינע פון די עסקנים וועלכע האט פיל געטאן פאר די מוסדות און נוי יארק "עמי במחיצתי".

איצט לאמיר אייך באריכטן מעשה מיט'ן געוואלדיגן אור־קדושה עבודת השם אינעם פארעם וואס רופט זיך תלמוד תורה עבודת משלום פיש טאטש־מאנסי כ"ק אדמו"ר שליט"א וואס כדאי איז עס מיט אים בנפשו צו ערפילן רצון צדיק אבי המגדל רביה"ק זי"ע האט געזעהן די צורך און חלק אז טייערע עדליכע משפחות תלמידי רביה"ק זי"ע האבן נישט די מוסדות און מקום חינוך פאר זייערע קינדער. זיי זאלן האבן א מקום צו וואקסן און שטייגן מיט אט די זעלבע ווארעמקייט און נשמה וואס רביה"ק זי"ע האט אונז געלערנט. דאן זענען די תשובות בני כ"ק רבינו שליט"א בשליחות הקודש פון אביהם הגדול אריינגעשפרונגען אינעם הייליגן פראיעקט.

תשפ"ב קומענדיגער יאר צוריק האט מען צוגעשטעלט צו ערפילן רצון צדיק און אנגעהויבן בויען די הייליגע תורה אימפעריע פון טאטש און שטאט מאנסי. עס ליגט מיר נאך פאר די אויגן א צעטל וואס מען האט געשריבן פאר די ערשטע איינגעשטעלטע און די מוסדות וואס האט זיך געלייגט ווי פאלגענד

**מיט אט די כוונה האט די חדר אנגעהויבן מיט אירע יונגע אבער זיכערע טריט שנת תשפ"ג מיט די ערשטע פינף ליכטיגע זיסע שמייכלעך פון די צאן קדשים האט כ"ק רבינו שליט"א געפראוועט די קביעות מזוזה. ליכטיג זענען געווען די פנימער פון די קינדער ביים נעמען שריים מצוות מיט א ציטערדיגע פונעם רבי'ן שליט"א**

די אויגן האבן געזען א קאמישע בילד פון פינף חסידישע צאצאים ביים טיש. אבער די געפיל וואס האט זיך פארשפרייט איז געווען =מיר מוזן צו עפעס מיט און טייער ווערט עבדי דא אויסגעפארעמט=טאטע'ס דארט אונזער קליינעם איבערגעגעבן 'ארוגצי' האט זיך אנגעהויבן דעם עבודת משלום פיש מיט די קליינע ריינע קינדערלעך

כ"ק רבינו שליט"א האט עטליכע מאל געקומען באזוכן און באמערקט די תלמוד תורה און אירע ערשטע שטאפלען. די מוסדות האט פון די ערשטע מינוט אויפגעהויבן א פאן פון אפגעהיטקייט און האט טאקע דערפאר האט פיל שנעלער ווי געדאכט אריינגענומען א פלייץ פון פרישע אפליקאציעס. טאטש וואס א נייע מוסדות דארף צו וואקסן. האט מען מיט אחריות זיך געקליבן צו מאכן זיכער אז מיר האבן די ריינסטע (סחורה) און שוין האבן אפילו נישט חסידי טאטש נאר עדליכע משפחות פון עיר התורה מאנסי וועלכע האבן געזוכט פאר זייערע טייערסטע א חינוך הטהור מיט הארץ וואס באווייזט די קינדער געזען און אונזער מוסדות א מקום מוכשר לברכה.

אט איצט אינעם קליינעם לעצטע מיט וואוקס פלאץ האט האבן די קינדערלעך אנגעהויבן לערנען און שפראצן. ביים צווייטן יאר האט די געטרייע הנהלה געשמי' געזען די צורך פאר עפעס גרעסער מיט מער הרחבת הדעת מאכט אייך גרייט. האט געלויטערט די מוסדות די חדר אופט! מיט קליינע בשמות און גשמיות אבער גרויסע בשמות און רוחניות האט זיך די קול פון א־ב־ם געטראגן פארשפרייט. טאטש די נייע פלאץ איז אויך געווען היבש מצומצם האט געשטייגט א זיסקייט און ווארעמקייט וואס יעדער וואס איז געווען אויף א באזוך קען מעיד זיין. די הבל פיהם פון תשב"ר טוט ווארימען און האלט די וועלט, די זיסע דאווענען שיסט ארויס ווארימע פונקען.

וואס טוט זיך מיט כתה א'? דער שוין די שעפסעלעך פון די צופרידענע עלטערן. די הנהלה האט נישט געשפארט קיין צייט מאכט כח. א גרויסע ווירח קומט פאר צוזאמען עטליכע פיינע מוסדות און מאנסי אבער דעם צוזאמענשטעל מלמד וואס באווייזט ווייטער צו לערנען מיט צאן קדשים מיט א מורא'דיגע מעסיגקייט און ליבשאפט און ארויס אפילו יראת שמים, אמונת צדיקים, שמחה. דער מלמד מתלמידי רביה"ק זי"ע איז געווען בא"י אונזער הנהלה די צייט נאכגעיאגט אים צו צווינגען צום געזעצן קיי פון עבודת משלום פיש טאטש מאנסי. דער מלמד האט נישט אנגענומען שוין א יאר און א האלב ארבעטער און די עלטערן מיט די הנהלה רייבן זיך די הענט עס איז געווען ווערט. די געוואלדיגע קול תורה תפלה־ברכת המזון איז אויפן העכסטן ארט און די סיפורי צדיקים און כתה א' פלאץ מיט יראת שמים און עדליכע השקפה. עס ליגט מיר פאר די אויגן דאס וואס איינער פון די תשובה עלטערן האט זיך אויסגעדריקט צו מיר "ריינע הייליגע עדליכע השקפה האט מיין זון באקומען און כתה א'".

מען רעדט זיך שוין פאראויס און האיר הזמן לפתיחת כתה ב'. די פלאץ איז שוין קליין און צוגעשטעלט וואס וועט דא זיין? נאך די בקשת פון די מצדיקי הרבים טאטש די הנהלה ווידער ארויס און די פראיעקט און א גרויסע חלק בנין מיט א חצר און שפע פלאץ איז צוגעגרייט צו זיין די אכסני' של תורה. אבער די שאלה פון מלמד טוב מלין איז נאך נישט פארענטפערט רבינו הקדוש האט אונז נישט פארלאזט און צוגעפירט ביי אים און שטעלט א מלמד מומחה וואס האט זיך ארבעט געזוכט קיין נוי יארק און איז אריין בקרב מוסדותינו כשמן ערוב ארויס צו אנפאנגען די קינדער וואס קוקן ארויס מיט זייערע זיסע אויגעלעך און ווילן וואקסן עדליכע הייליגע אידן. מיט א מאר ווארימע און זיכערע צוזאגונג ווערן די פנימער שיינענדיג און די הערצלעך אנגעפילט מיט חומר שמחה און תענוג.

**אט שטייט מיר דא איצט ווען די מעשה האלט נאך אינמיטן געשפאנט ווערן. לאמיר איצט אפגעבן א שבח והודאה להקב"ה אז מען איז זוכה צו שטיין ווי מען שטייט איצט און אין די זעלבע צייט בעטן דעם אייבערשטן אויף ווייטער אז זאל תמשוך השם אלוקינו לנצח און מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן ווי די מעשה ענדיגט זיך מיט א מורא'דיגע סוכסעס ווען די קינדערלעך שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות און אויפ'ן הייליגן דרך וואס מיר האבן מקבל געווען פון רביה"ק זי"ע און ווי עס לערנט אונז ווייטער בנו חביבו וממשיך דרכו הוד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א**

א כשר'ן און פרייליכן יום טוב

משה מרדכי הכהן שטיינבערגער

(845) 376 4195

# ומצדיקי הרבים ככוכבים

פארגאנגענעם ליל ד' ויקרא ר"ח ניסן איז פארגעקומען א הערליכע סעודת ראש חודש ספעציעל געאייגענט פאר די חשוב'ע מלמדים דמוסדותינו. די מעמד איז פאר געקומען אין שטוב פון די געטרייע מנהל המוסדות העסקן מו"ה שלמה גרינבוים הי"ו. די מעמד איז געווען געווידמעט אלץ הכרת הטוב פאר די מסירות נפש וואס די מלמדים געבן זיך איבער פאר יעדן קינד באזינדער א גאנץ יאר.

די מעמד איז געעפנט געווארן דורך הרב אהרהם פוקס שליט"א מלמד מומחה בת"ת סקווירא וומ"ס וואס האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע זכי' וואס די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש האבן. און זיי זאלן ווייטער האבן די כוחות אנצוגיין ווייטער ביתר שאת ועז.

דערנאך האט מען געהערט דעם משא הערב דורכ'ן מומחה בשדה החינוך ומלמד מומחה רבות בשנים הרב יעקב יחזקי' גריבוים שליט"א דער טאטע פונעם געטרייען מנהל המוסדות. צום ערשט האט ער אנגעפאנגען מיט גאר שטארקע דברי חיזוק והתחזקות פאר די חשובע מלמדים. און דערנאך האט ער ארומגערעדט פון די חשיבות צו זיין א מלמד. און בעיקר די געוואלדיגע אחריות וואס ליגט אויף יעדעם מלמד אין אלע הינזיכטען.

דערנאך האט אויפגעטרעטן די געטרייע מנהל המוסדות. צום אלעם ערשט האט ער זיך באדאנקט פאר זייער שווערע ארבעט וואס אנערקענט זיך אויף טריט און שריט. און ארויסגעהייבן לשבח אז ווען מען זעהט די שווערע ארבעט מצד די הנהלה רוחני, דאס געבט די שטופ פאר די הנהלה גשמי' צו קענען אנגיין ווייטער להרבות פעלים לתורה. דערנאך האט ער ארומגערעדטאפאר וויכטיגע ענינים העומדים על הפרק, וואס איז זייער נוגע און די יעצטיגע טעג.

דערנאך האט מען פארטיילט אן הוספה אויף יום טוב פאר אלע עוסקים במלאבת הקודש און נאך, און אזוי אויך געגעבען א מזכרת זמירות לפסח עבודת עבודה. אלץ אן הכרת הטוב אויף די שווערע ארבעט וואס זיי לייגן אריין טאג טעגליך וואך וועכענטליך.

די מעמד האט זיך געשלאסן ווען אלע חשובע עוסקים במלאבת הקודש זענען זיך צוגאנגען איש על מחנהו. פיל מיט חיזוק אנצוגיין ווייטער מיט די עבודת הקודש. עס איז צום האפן אז זיי זאלן ווייטער קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש געזונטערהייט בזכות רבינו הקדוש וואס די הייליגע מוסדות איז נקראת על שמו.

# קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בחדוה הקדושה, ובהתרגשות עילאה, משגרים אנו מיטב ברכותינו בהדרתא להאי
גאון וצדיק פאר מקדושים, נעים הליכות ורב תבונות, ענף עץ אבו"ת אהוב ונערץ בפי
כל באי בית ה', עומד לימין אביו הגדול כ"ק רבינו שליט"א במסירה נפלאה
ה"ה

## הרה"צ ר' ישראל מרדכי סג"ל לאווי שליט"א

בנו יקירו וחביבו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
העומד לימיננו בכל עת במסירה נפלאה

לרגל שמחתו הגדולה השורה בביתו

### שמחת הולדת בנו למזל טוב

ובשמחה רבה ובחדוה עילאה משגרים אנו ברכת מזלא טב"א אל מול פני הקודש,
מנורת הטהורה, עטרת תפארת ראשינו, מלכא מרנא ורבנא, צדיק כתמר יפרח

### הוד כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א
### ימים על ימי מלך תוסיף שנותיו כמו דור ודור

ובכן נשמח כולנו יחד בשמחתו הגדולה, שמחת בית צדיקים, גזע אראלים
ותרשישים ובעידן הדווא ישפע לנו ממרומים, ברכות לרוב בכל מילי דמיטב
בזכות הצדיקים הקדושים עדי נזכה לשמוע קול מבשר על ההרים, בביאת משיח
צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.

המברכים ברגשי הוקרה והערצה והכרת הטוב
הנהלת המוסדות



# על בשורה טובה ששמע אומרים ברוך הטוב והמטיב

מיט גרויס שמחה און עקסטאז נעמען תלמידי וחסידי טאהש ובפרט ביי תושבי מאנסי אויף די פרייליכע נייעס אז בברכתו ובעידודו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וועט זיך בעזר השם יתברך עפענען די טויער'ן פונעם בית חינוך לבנות בנות חוה ד'טאהש און מאנסי. צום קומענדיגן שנת הלימודים חודש אלול הבעל"ט

דאס קומט נאך וואכן און חדשים וואס די געטרייע הנהלת המוסדות ובראשם דעם העלדישן געטרייען מנכ"ל המוסדות העסקן הרב שלמה גרינבוים שליט"א האבן אריינגעלייגט גרויסע כוחות צו קענען אנקומען צו אט די גליקליכע מינוט פון עפענען די בית חינוך לבנות דא און שטאט מאנסי.
די בית חינוך לבנות בנות חוה ד'טאהש וועט בעזר השם יתברך זיין נאך א קייט צו די היילינגע תורה אימפעריע דקהילתינו הקדושה דא און שטאט מאנסי. און וועט געפירט ווערן לויט אלע הדרכות קודש פון אבינו רוענו רבינו הקדוש זי"ע און ווי עס פאדערט ווייטער בנו חביבו ויקירו וממשיך דרכו בקודש הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א. אט אויף די היילינגע דרך וועט בעזר השם יתברך געפירט ווערן די הייליגע בית חינוך לבנות. עס איז צום האפן אז עס זאל ארויסקומען די ריכטיגע תכלית דערפון און די חשובע תלמידות זאלן וואקסן און שטייגן אויפ'ן הייליג'ן דרך המסורה.

די בית חינוך לבנות 'בנות חוה' וועט גערופן ווערן בברכת כ"ק מרן רבינו שליט"א נשיא המוסדות אויפ'ן נאמען פונעם הויכגעשעצט'ן הרבנית הצדיקית ע"ה מחברתו הטהורה פון רביה"ק זי"ע. און בראש פונעם בית חינוך וועט בעזר השם יתברך שטיין הרבנית הצדיקית תליט"א אשת הגה"צ אבדק"ק שליט"א ראש וועד הרוחני דמוסדותינו הקדושים. עס איז צום האפן אז עס זאל ארויסקומען די ריכטיגע כבוד שמים דערפון און עס זאל זיין א נייחא לנשמתא פאר רבינו הקדוש זי"ע בעולם העליון.

די היסטארישע דערגרייכונג פון עפענען די בית חינוך קומט נאך די פראזענטליכע בקשה פון די חשובע עלטערן וואס האבן שוין די זכי' צו נהנה זיין פונעם הייליג'ן טאהש'ע מוסדות און מאנסי. מיט'ן שיקן די לעבטיגע קינדער און די הייליגע תלמוד תורה עבודת משולם פייש. וואס ברוך השם מען זעהט מיט די פליישיגע אויגן וויאזוי די לעבטיגע קינדערלעך שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות טובות אויפ'ן הייליג'ן דרך המסורה לנו פון רבינו הקדוש זי"ע.
און זענען געקומען בעטן ביי די געטרייע הנהלת המוסדות וואס רוען נישט קיין מינוט און פראבירן מיט אלע כוחות צו צופרידן שטעלן די חשובע שותפים די חשובע הורי המוסדות. אז פארוואס זאלן נישט זייערע טעכטער קענען לערנען און אזא חשובע און הייליגע מוסדות ווי מען געבט זיך אזוי ווארעם אפ מיט די לעבטיגע קינדער. דערפאר איז באשלאסן געווארן בברכתו ובעידודו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א צו עפענען די בית חינוך אז די לעבטיגע תלמידות זאלן קענען וואקסן און שטייגן אויפן הייליגן דרך המסורה לנו פון רבינו הקדוש זי"ע.
אצינד זיצט מען און די יעצטיגע טעג און מען ארבעט אויס די דעטאלן אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב און עס איז צום האפן אז מען זאל זוכה זיין צו זעהן מיט די אויגן אז עוד יוסף חי רבינו הקדוש איז נאך דא מיט אונז און מיר זעען ווי די לעבטיגע קינדערלעך 'הבנים והבנות' שטייגן און וואקסן און זיינע הייליגע דרכים.

מוסדות בלעטל

# מנהג ישראל תורה:

## "חומרות אין יו"ט פסח"

### - טעם החומרות -

דער הייליגער יום טוב פסח איז פאר אלעמען באקאנט מיט די פילע חומרות והידורים וואס ישראל קדושים בהם, און מען פירט זיך דערין, יעדע משפחה און חסידות לויט וויאזוי זיי האבן מקבל געווען, און געזעהן זיך אזוי צו פירן ביי זייערע עלטערן און ביי די צדיקים מדור הקודם.

דער הייליגער חיד"א זצ"ל שרייבט א אינטערעסאנטע טעם אין פארגלייך צו די ענין פון חומרות אין פסח, אז ער האט געזוכט א טעם הדבר פארוואס מען פירט זיך אזוי מחמיר צו זיין אויף חומרות אין פסח, וואס די תורה אליין האט שוין אזוי אנגעווארנט אז מען זאל נישט עסן חמץ אין פסח, און ולא ימצא שאור בכל גבולך, וואס פעלט אויס צו טוהן, מער פון וואס די תורה באפעלט אונז.

זאגט דער חיד"א א מורא'דיגע באלערנדע מושג אין די ענין פון חומרות אין פסח, ווי באקאנט איז 'חמץ' א רמז אויפן יצר הרע, אזוי ווי אלע ספרים ברענגען, די חומרות אין פסח ווייזט אונז אז מען דארף טוען אלעס אין די וועלט צו זיך דערווייטערן פונעם יצר הרע, און פארדעם זאגט אונז טאקע די תורה אן, אז מען דארף פארברענען די חמץ, און עס זאל נישט זיין בבל יראה ובל ימצא, אז יעדער זאל זיך דערווייטערן פונעם יצה"ר, פונקט אזוי ווי די חומרות אין פסח טוט מען זאכן וואס קען אמאל אויסקוקן זינלאז, אבער דאך פירט מען זיך אזוי ווייל די עלטערן און די רבי'ס האבן זיך אזוי געפירט, פונקט אזוי דארף מען טוהן אלעס זיך צו דערווייטערן פון די יצה"ר.

אין אמת'ן שטייט שוין די בחינה אין איינע פון די גדולי הראשונים אין <u>שו"ת הרדב"ז חלק ג' סימן תקמו</u>.

### - סגולת החומרות -

דער הייליגער ר"ר בונם מפרשיסחא זי"ע שרייבט, אלע חומרות און הידורים וואס אידן פירן זיך אינעם יום טוב פסח זענען צירונגען פאר די קדושה פונעם יום טוב, אפילו אפט מאל זעהן די חומרות אויס ווייט פון א מצוה, דאך יעדע חומרא וואס א מענטש פירט זיך אין פסח איז עס נאך א צירונג צום יו"ט.

פון אר"י הקדוש זי"ע שטייט איינער וואס איז נזהר פון א משהו חמץ אין פסח, איז ער מובטח אז ער וועט נישט זינדיגן במשך די גאנצע יאר.

דער הייליגער שו"ת מן השמים שרייבט, ווער עס איז מחמיר אין אלע פרטים פון בל יראה ובל ימצא, מיט אלע דקדוקים און פרטים, פארלענגערט מען אים זיינע טעג און יארן, און ער וועט האבן אריכות ימים.

### - להוסיף חומרא בכל שנה -

עס איז מערקבאר צוצוצייכענען וואס דער שער המלך ברענגט, אז עס איז כדאי יעדע יאר מוסיף צו זיין נאך א חומרא וואס מען האט א יאר פריער נישט אזוי מדקדק געווען, זאגט ער, אז דאס איז צו צוברעכן די קליפה וואס פארשטערקערט זיך יעדע יאר נאכן זעהן ווי די פאריעריגע פסח האט זיך די איד געשטארקט און זיך גאר שטארק איבערגעשטרענגט צו זיך פירן מיט אלע חומרות והידורים, און דורכדעם וואס די איד וועט מוסיף זיין על הקודש, און צוגעלייגן נאך א חומרא זיך צו פירן וועט דאס שטארקן די כח הקדושה, און אזוי ארום צוברעכן די כח הקליפה.

פירט אבער דער שער המלך אויס: די עיקר איז אז מען דארף אויסרוימען די חמץ, און עסןמצה ...

### - רומז לחומרות בפסח מן התורה -

עס איז פאראהאנען א הערליכע רמז פון פרשת ראה, איבער די חומרות וואס מיר פירן זיך פסח, דער הייליגער מהר"א פון בעלזא זי"ע זאגט אז ביי שבועות שטייט, ושמחת לפני ה' אלקיך, אתה ובנך ובתך ועבדך ואמתך והלוי אשר בשעריך, והגר והיתום והאלמנה אשר בקרבך, ווידער ביי פסח שטייט בלויז, ושמחת בחגך אתה ובנך ובתך, און עס ווערט נישט ווייטער אויסגערעכנט ועבדך ואמתך והלוי וכו', איז משמע פון דעם זאגט דער הייליגער בעלזא רב זי"ע, אז פסח פירט מען זיך מיט עקסטערע פארזיכטיקייטן, מען עסט נישט פון יענעם, וכו'.

### - החומרות הוא כל אחד לפי מדרגתו -

רעדענדיג פון די חומרות וואס יעדער פירט זיך לויט וויאזוי מען האט מקבל געווען פון אבותינו ורבותינו, איז כדאי נאכצוברענגען דאס פאלגענדע, עס האט פאסירט אמאל בצל הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע, אז ער איז געגאנגען אפשניידן די ווייץ לקראת חג הפסח, און פון שוין דאן האט ער זיך געפירט מיט גאר אויסערגעוויינטליכע הידורים וחומרות, דארט איז געווען אנוועזענד א חסיד וואס האט געטראכט אז ער וועט זיך אנהויבן פירן מיט די גאר שטרענגע און שטארקע הידורים והומרות וואס זיין רבי פירט זיך, דאן האט זיך רבי יחזקאלע געגעבן א דריי ארום און א זאג געטון פארן חסיד, חמץ בפסח איז א משהו, מיינענדיג מיט יעדע זאך, האט רבי יחזקאלע אויסגעפירט, יעדער דארף טוען לויט זיינע מדריגות, און מעסטן לויט זיינע מדריגות וואס זיין חוב איז אין זהירות בפסח.

ענדליכס צו דאס איבנדערמאנטע זאגט דער הייליגער רבי פינחס'ל מקאריץ זי"ע, אויב איינער איז בכעס צוליב א חומרא אין פסח, וואלט שוין פאר אים מותר געווען צו עסן חמצ'דיגע מאכלים.

אזוי אויך ווערט געברענגט אז אמאל פסח ביי הרה"ק רבי משה משינאווע זי"ע זענען 2 אידן געזיצן ביי די עק טיש און געבראקטס מצה, האט א איד אנגעהויבן שרייען, דאס איז חמץ! ווען רבי משה האט דאס געהערט האט ער זיך צושריגן, מצה איז חמץ?, לשון הרע און רכילות זענען חמץ!

### - חומרות שונים -

עס איז אינטערעסאנט נאכצוברענגען וואס דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע האט געזאגט ווי ס'שטייט אין ספר אהל שלמה, אז מען דארף דאנקען די באשעפער אז די 'עפל' איז נישט געווען אין די צייטן פון די גאונים, ווייל אויב עס וואלט דאן געווען עפלעך, וואלטן די גאונים עס גע'אסר'ט פאר פסח צוליב חשש קטניות, ווייל מען קען דערפון מאכן 'מעיל'...

דער פלא יועץ שרייבט, וואויל איז די אידן און פאר זייערע נשים צדקניות נאך מער, וואס זענען מבער די חמץ מיט א אויסטערלישע זהירות, און פאר די מחמירין וואס טוען מער פון וויפיל מ'דארף, עס זאל קומען אויף זיי א ברכה, לייגט דער פלא יועץ צו, די עיקר זהירות דארף זיין וואס מען נעמט פסח אריין אין מויל...

דער הייליגער ישמח משה זי"ע האט זיך געפירט מיט גאר אסאך חומרות אין פסח, ער פלעגט זיך פירן מיט יעדע חומרא וואס ער האט נאר געזעהן אין א ספר...

ווען א איד פלעגט אום פסח פרעגן א שאלה פון הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע, פלעגט ער זאגן, פסח דארף מען מחמיר זיין דאס מערסטע וואס איז שייך, און ער האט פארענדיגט, און יעצט זאג איבער דיין שאלה...

### - החומרות וההידורים אצל רבותינו הקדושים זי"ע -

עס איז כדאי אנצורירן אויפן שפיץ גאפל איבער די חומרות והידורים בצל רבותינו הקדושים, וואס אייגענטליך איז עס א לאנגע שמועס פאר זיך.

ווי באקאנט פלעגט רבינו הסב"ק זי"ע ווי געברענגט אין עבודת הלוים ח"ב האבן שטארקע חומרות ביים באקן מצות, ער פלעגט יעדן אינדערפרי ווען מ'פלעגט מצות באקן גיין צו זיין משגיח און זעהן ווי די פראצעדור פון באקן די מצות גייט און לויט די בעסטע הידורים, ווען דער סב"ק פלעגט זעלבסט באקן מצות פלעגט ער האבן א חומרא זיך אפצושטעלן נאך יעדע מיירע פאר א ווילע, כדי מען זאל קענען אויסשווענקען און אויסזויבערן אלע כלים עס זאל זיין פסח'דיג לכל הדיעות.

רבינו הק' זי"ע פלעגט זיך פירן מיט א מורא'דיגע הידור, ווי באקאנט, צו האבן א עקסטערע בעקיטשע וואס ער פלעגט נוצן נאר צום מצות באקן, און ער פלעגט דאס אויך נישט נוצן אין די פסח טעג, נאר עס איז געווען מיוחד נאר צו באקן מצות דערמיט.

רבינו הק' זי"ע פלעגט זיך פירן צו נוצן פסח נאר שמאלטץ, און נאר פיש וואס מען האט געקויפט ווען די פיש האבן נאך געלעבט, אזוי אויך האט מען נישט גענוצט קיין צוקער, אדער קיין שום פירות וואס מען קען נישט אפשיילן.

נאך א שטארקע חומרא וואס רביה"ק זי"ע פלעגט זיך צו פירן וואס איז כדאי אנצומערקן, ווי ער פלעגט זיך פירן אז נאכן עסן מצה צו גוט אויסזויבערן די ברעקלעך מצה פון די טיש, עס זאל נישט פארבלייבן גארנישט קיין ברעקלעך מצה, כדי עס זאל ח"ו זיך נישט אויסמישן מיט וואסער.

מיר ווען פארענדיגן מיט דעם, וואס רביה"ק זי"ע האט געזאגט אז היינטיגע צייטן ווען מען קען באקומען גרינגערהייט לעבעדיגע פיש, און עס נישט דא קיין חשש דערויף, זאל מען מהדר זיין צו עסן פיש לכבוד יו"ט.

### - וצריך עדיין סייעתא דשמיא -

לסיום דברינו וועלן מיר ענדיגן מיט א ווארט וואס דער הייליגער מאור עינים זי"ע שרייבט, נאכן טוען אלע פעולות און חומרות, דארף מען בעטן פון הקב"ה אז ער זאל אונז מזכה זיין מיר זאלן זיין אפגעהיטן פון א משהו חמץ אין פסח, און דאס וואס עס שטייט 'נזהר' אז מען דארף זיין געווארנט 'ממשהו חמץ' איז נאר דורך הקב"ה, ווייל נאר ער העלפט און היט פון א משהו חמץ, און א מענטש אליין קען גארנישט, אפילו ער טוט די פילע פעולות וחומרות, קען ער זיך נישט באהיטן פון א משהו חמץ, און נאר דורך די באשעפער'ס הילף קענען מיר זיין 'נזהר' פון א 'משהו חמץ'.

זאלן מיר אלע זוכה זיין צו א חג כשר ושמח, בביאת גוא"צ בבנין בית המקדש השלישי ונאכל שם מן הפסחים ומן הזבחים ומלכינו בראשינו במהרה בימינו אמן.



## = מנהג ישראל תורה =

דער הייליגער מהר"ם האגיז זצ"ל שרייבט אין א תשובה אין זיין ספר שתי הלחם, אויף דעם וואס איינער האט אים אנגעפרעגט איבערן מנהג פון שטעלן א "כוס של אליהו" זאגענדיג, אז ווי ער זעהט דאס איז די גאנצע ענין פון דעם "כוס של אליהו" א זאך וואס האט נישט קיין באדייט און ערקלערונג, און דאס איז בלויז א "ניחוש נשים והבליהם". אויף דעם ענטפערט דער מהר"ם האגיז זייער שארף צו אים, זאגענדיג "דו זאלסט אכטונג געבן אויף דיינע רייד, דו זאלסט נישט אוועקלייגן קיין מנהג ישראל, ווייל דאס ווערט גערעכענט ווי א חלק פון די תורה".

*

דער מהר"ם האגיז שרייבט ווייטער אין זיין תשובה, און ערקלערט דער טעם פון שטעלן א "כוס של אליהו". "פסח" האט א פארבינדונג מיט "ברית מילה", וויבאלד עס שטייט ביים קרבן פסח "וכל ערל לא יאכל בו", און פארן זעלבן טעם פארוואס מען גרייט אן ביי א ברית מילה א באזונדערע בענקל פאר אליהו הנביא, וואס דאס איז דער "כסא של אליהו", ווייל ער איז דער מלאך הברית, און איז מעיד אויף די אידן אז מען איז מקיים די מצוה פון ברית מילה, דערפאר גרייט מען אן פסח אויפדערנאכט ביים סדר א כוס פאר אליהו הנביא דער מלאך הברית, וואס דער סדר איז א זכר צום קרבן פסח.

## = הסגולות =

די כוס של אליהו הנביא האט אין זיך א גאר באזונדערע הייליגקייט, און איז מסוגל צו ניצול ווערן פון אלעם בייזן, ווי מען זעהט אין די פאלגענדע עפיזאדן.

איינע פון די חסידים פונעם הייליגן בלאזשוב'ער רב זי"ע (היומדל"ק ה' ניסן) וואס האט געוואוינט אין די שטאט ריישא איז ל"ע קראנק געווארן הארט בעפאר פסח מיט א גאר שרעקליכע קראנקייט, די מצב איז געווען גאר שמאל, און דער חסיד איז געליגן על ערש דוי נאנט צו גסיסה רח"ל. עס איז געקומען פסח אויפדערנאכט, און איינע פון די שטאטלייט האבן זיך געחלומ'ט ווי דער הייליגער בלאזשוב'ער רב באווייזט זיך צו אים, און באפעלט אים אז ער זאל גיין צום קראנקן חסיד, און אים זאגן אז אויב ער וועט טרינקן פונעם "כוס של אליהו" וועט ער האבן א רפואה. דער איד האט באלד אינדערפרי אזוי געטון, אריבער צום חסיד און אים איבערגעבן דאס באפעל פונעם בלאזשוב'ער רב, דער חסיד טראץ זיינע שווערע אומשטענדן און שוואכקייטן, האט אבער גלייך טאקע געטרינקן פונעם כוס של אליהו, און ווי וואונדערליך דאס איז געווען איז שוין דער געוועזענע קראנקע חסיד געזיצן ביי די צווייטע סדר געזונט און שטארק כאחד האדם...

*

א דערהויבענע חסיד פונעם הייליגן רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע (היומדל"ק י"ט ניסן) איז אנגעקומען עטליכע טעג בעפאר פסח צו פראווענען דעם הייליגן יום טוב בצלו פונעם הייליגן קארלינער, ווען ער איז אריינגעגאנגען שלום נעמען, האט אים דער קארלינער געהייסן אז ער זאל זאפארט אהיים פארן און פראווענען דעם יום טוב אינדערהיים, אינאיינעם מיט זיין משפחה. וויפיל דער חסיד האט זיך איינגעבעטן אז ער איז ספעציעל געקומען צו פארן צום רבי'ן אויף יום טוב און דער רבי זאל אים נישט פארשיקן, אבער דער קארלינער האט זיך געהאלטן ביי זיינעם, ביז דער קארלינער האט אים געזאגט "פאָהר שוין יעצט אהיים". דער חסיד האט באין ברירה פארלאזט קארלין, און זיך אומגעקערט אהיים אויף פסח.

דער חסיד זיצט ביי זיך אינדערהיים פסח אויפדערנאכט, און ביי שפוך חמתך עפענט ער אויף די טיר לכבוד אליהו הנביא ווי יאר יערליך, פלוצלונג רייסט זיך אויף די טיר, און א גאנצע גרופע פון גנבים און רוצחים כאפן זיך אריין ביי אים אין הויז, און הייבן אָן צו מאכן "בדיקת חמץ" און זיכן ארום פאר אלע ווערדפולע חפצים וועלכע ליגן אין שטוב, זיי לייגן אלעס אריין אין ריזיגע זעק און גרייטן זיך צו אנטלויפן, אבער נישט פאר זיי האבן געבינדן און קייטן דער חסיד מיט זיין גאנצע פאמיליע, און זיך געגרייט זיי צו הרג'ענען. מיטאמאל עפענט זיך אויף דער טיר, און א בעל עגלה מיט א בייטש אין זיין האנט קומט אריין און נאך קורצע מינוטן האט ער באוויזן צו פארשיקן די גנבים, און האט באפרייט דער חסיד מיט זיין משפחה ממות לחיים. דער בעל עגלה האט תיכף דערנאך זיך אראפגעזעצט ביים טיש, און אויסגעטרינקן דעם "כוס של אליהו", און תיכף פארשווינדן געווארן...

דער חסיד איז גלייך נאך יום טוב צוריק געפארן קיין קארלין צו זיין רבי זיך צו באדאנקן אויפן נס וואס ער האט פארארבעט פאר אים, אבער ווי נאר ער איז אריינגעקומען צום קארלינער רופט זיך דער קארלינער אן, "וואס זאגסטו נישט צו דעם, ביי דיר האט ער אויסגעטרינקן דעם גאנצן כוס, און ביי מיר האט ער נאר פארזיכט פון די וויין"...

## = עובדות והנהגות =

ווען דער הייליגער רבי ארון לייב מפרימישלאן זי"ע איז אנגעקומען ביי די הגדה צו "שפוך חמתך", איז ער געגאנגען עפענען די טיר פאר אליהו הנביא, ווען ער האט געעפענט די טיר איז אליהו הנביא אריינגעקומען, און רבי ארון לייב האט אויסגעשריגן "ברוך הבא", און דאן האבן זיך די צוויי געזעצט און צוזאמען געשמועסט העכערע ענינים איבערן גאולה שלימה, ביז אליהו הנביא האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט אז ער ברויך שוין גיין ווייל דער לובלינער זי"ע האט שוין געעפענט די טיר פאר אים...

*

דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע פלעגט זיך פירן יעדע יאר פסח אויפדערנאכט ביים עפענען די טיר צו זאגן: "בעלי בתים זאגן, ברוך הבא, אליהו הנביא איז דא".

*

דער הייליגער נודע ביהודה זי"ע פלעגט יעדע יאר נאך שפוך חמתך ארויסגיין באגלייטן אליהו הנביא ביז אינדרויסן אין חצר, ווען ער איז צוריק אריינגעקומען האט ער געזאגט, עטס זאלטס מיר נישט חושד זיין אז איך האב געזעהן אליהו הנביא, נאר מען דארף וויסן אז מען מוז גלייבן באמונה שלימה אז ווען מען עפענט אויף די טיר לכבודו פון אליהו הנביא קומט ער זיכער אריין אין יעדע אידישע שטוב פסח אויפדערנאכט.

*

דער הייליגער חתם סופר זי"ע פלעגט זיך פירן צו ניצן די איבערגעבליבענע וויין פונעם כוס של אליהו פאר קידוש יום טוב צופרי, צוצייכענדיג די גמרא אין מס' ברכות, אז מען האט שוין מקיים געווען איין מצוה מיט א חפץ זאל מען שוין דערמיט מקיים זיין נאך א מצוה.

*

עס ווערט געברענגט אז ביים הייליגן בעל מנוחת אשר מטשענגער זי"ע פלעגט ליגן אנגעגרייט בליל התקדש החג אינמיטן טיש א "כוס של אליהו", און עס פלעגט יעדע יאר ווערן אויסגעטרינקן די גאנצע כוס דורך אליהו הנביא אליין...

*

דער הייליגער רבי יהושע מבעלזא זי"ע ווען ער איז געווען א קליין קינד האט ער איין יאר ביים סדר נאכן זאגן שפוך חמתך אנגעהויבן גאר שטארק צו וויינען. מען האט אים פרובירט צו בארואיגן אבער רבי יהושע'לע וויינט ווייטער, ווען זיין פאטער הרה"ק רבי שלום זי"ע וואס איז געווען בראש המסובין האט געזעהן ווי מען קען אים נישט בארואיגן, האט ער געבעטן אז מען זאל ברענגן רבי יהושע'לע נעבן אים, און האט אים ארויפגענומען אויף זיין שויס, און געפרעגט די סיבה צו זיין געוויין, "ער איז גערעכט פארוואס ער וויינט" האט זיך רבי שלום אנגערופן צו אלע מסובין, "בעת ווען יעדער האט געזאגט שפוך חמתך איז רבי יהושע'לע געשלאפן, און מען האט אים נישט אויפגעוועקט צו זעהן אליהו הנביא", - דעריבער האט זיין פאטער רבי שלום אויסגעפירט - וועט מען נאכאמאל עפענען די טיר, און יעדער אינאיינעם וועט נאכאמאל זאגן שפוך חמתך, און דאן האט זיך רבי יהושע'לע גלייך בארואיגט...

*

איין יאר ביים סדר פונעם הייליגן רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע האט ער ביי שפוך חמתך געשיקט איינע פון די קינדער זאלן גיין עפענען דעם טיר אזוי ווי איינגעפירט, ווען דאס קינד איז צוריקגעקומען האט אים דער בעלזער רב געפרעגט דעם קינד צו ער האט געזעהן אליהו הנביא?, האט דאס קינד געענטפערט אז ניין, ער האט נישט געזעהן, האט זיך דער בעלזער רב אויסגעדרייט צו זיין איידעם הרה"צ ר' יוחנן זצ"ל, און אים געפרעגט, איז דאס אמת אז דו האסט געזעהן אליהו הנביא? האט אים זיין איידעם געענטפערט "מ'זעהט מ'זעהט, אבער דער וואס גלייבט און ער זעהט נישט איז אסאך העכער"...

***

כוס של אליהו מהרה"ק מצאנז זי"ע

לכוס של אליהו השתמש זקיני הק' (הסב"ק) בכוס של זכוכית (קריסטאל) נאה מאוד, שאביו אא"ז (השרף) הקדוש זי"ע קיבלו למשלוח מנות מהרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע, כי הרה"ק בעל דברי חיים היה ממונה על צדקת רבי מאיר בעל הנס בחוץ לארץ, ואא"ז הק' היה מקבץ מעות הרבה לצדקת רמבעה"נ ושלח להרה"ק מצאנז, על כן שלח לו מתנה ג' כוסות יקרים מאוד, ואחד מהם ירש זקיני הק', והיה גדול כערך שלשה כוסות.

(זמירות לפסח עבודת עבודה עמ' רמט)

*

אצל רביה"ק זי"ע היה הכוס של אליהו מכסף.

(זמירות לפסח עבודת עבודה עמ' רפח)

***

## ענף ב'

דאס באגריף פון "אליהו הנביא"
זיין הייליגע פערזענליכקייט / סגולות

## = זיין הייליגע פערזענליכקייט =

אליהו הנביא איז דורכאויס אלע יארן געווען א ספעציעלע אנגעזעענע הייליגע פערזענליכקייט וואס האט געשפילט א גרויסע ראלע אין אונזער אידישע היסטאריע.

מיר ווייסן אלע וואס עס ווערט געברענגט אין נ"ך אז אליהו הנביא איז ארויף אין הימל לעבעדיגערהייט. בעפאר ער איז ארויפגעגאנגען האט ער זיך אויסגעטון זיין גשמיות'דיגער גוף. דורכאויס די אידישע היסטאריע פלעגט אליהו הנביא אראפקומען אויף די וועלט אויסצופירן ספעציעלע שליחות'ן, צו זאל דאס זיין אויספרובירן איינעם מיט נסיונות, ראטעווען אידן פון א צרה, אדער אויך אפט מאל זיך באווייזן פאר צדיקים, באקאנט אלטס "גילוי אליהו", און אליהו פלעגט לערנען מיט זיי און זיי מגלה זיין זאכן וואס טוט זיך אין הימל.

אין שו"ת חתם סופר ווערט געברענגט אז אליהו הנביא קומט אראפ אויף דער וועלט אין צוויי פארעמען, אמאל איז ער אנגעטוען מיט זיין גוף, וואס דאן איז ער מחיוב מיט אלע מצוות שבתורה ווי א יעדע איד, אדער קומט ער בלויז מיט זיין רוחניות'דיגער גוף, וואס דאן איז ער נישט מחיוב מיט מצוות שבתורה.

נאך ווערט געברענט אין שו"ת חתם סופר, אז ווען צדיקים פלעגן האבן גילוי אליהו פלעגן זיי נאר זעהן אליהו הנביא מיט א גשמיות'דיגער גוף, און אזוי וועלן מיר זעהן אליהו הנביא בעפאר משיח צדקינו וועט קומען.

אינטערעסאנט איז נאכצוברענגען וואס עס ווערט געברענגט אין ספר מאיר עיני הגולה וואס דער חידושי הרי"ם זי"ע האט געזאגט, אז ס'זענען דא פארשידענע בחינות אין גילוי אליהו, עס זענען דא אזעלכע וואס זעהן נאר אליהו אין א דמיון, אבער איך ווייס "בקבלה" דער ריכטיגער גילוי אליהו. ווען אליהו הנביא קומט צו איינעם, קומט ער אין באגלייטונג פון זיין תלמיד אלישע, תיכף דערנאך וואס זיי פארלאזן דאס פלאץ קומט דארט אן גיחזו, דער באדינער פון אליהו, און פרעגט אויף אליהו און אלישע, "זיי זענען דא געווען?", דאס איז די ריכטיגע גילוי אליהו הנביא.

ער פירט דארט אויס אז, דאס איז א עונש פאר גיחזו וואס איז נישט ערליך געווען, און זינט דאן האט מען אים מעניש געווען אז ער זוכט אליהו, און קומט אן צו יעדע פלאץ זיי צוזיכן ווען זיי זענען שוין לאנג ווייטער געגאנגען פון דארט.

*

אין מדרשים און אין ש"ס געפינען מיר אסאך מאל ווי אליהו האט זיך פארשטעלט, און ווי אליהו הנביא איז צוניצגעקומען אויף אסאך ענינים. תוס' אין מסכת חולין זאגט אז ווי אין גמרא עס שטייט "ההוא סבא" מיינט דאס אליהו הנביא.

עס איז אויך באקאנט פאר אלעמען אז אליהו הנביא קומט צו יעדע ברית מילה.

אזוי אויך טרעפן מיר אין חז"ל עטליכע ביישפילן וויאזוי אליהו האט זיך באוויזן פארשטעלטערהייט: פאר רב שימי בר אשר האט זיך אליהו באוויזן ווי א רייטער, אליהו האט זיך אמאל פארשטעלט ווי א אראבער, פאר רבי אלעזר ב"ר שמעון ווי א מיאוס'ע מענטש, ביי די סעודה פון אסתר און אחשורוש האט זיך אליהו פארשטעלט ווי חרבונא.

אינטערעסאנט איז אנצומערקן אז אין די מגילה שטייט "ומרדכי ידע" צייכענט די תרגום צו, אז מרדכי האט געוויסט אלעס וואס טוט זיך אויבן אין הימל דורך אליהו הנביא, ווייל דער באשעפער האט אים געשיקט אז ער זאל פארציילן פאר מרדכי אלעס איבערן גזירה כדי ער זאל מתפלל זיין.

## = סגולות =

רביה"ק זי"ע ברענגט אין עבודת עבודה (שיח"ק ח"ג) אז עס איז א סגולה צו דערמאנען די נאמען פון אליהו הנביא מוצאי שבת קודש, ווייל אליהו הנביא גייט מוצאי שבת אריין אין "היכל הזכות" צו מלמד זכות זיין אויף די אידן, און ביים דערמאנען זיין נאמען איז מען מעורר אז ער זאל רעדן גוטס אויף כלל ישראל. דערפאר פירט מען זיך טאקע צו זינגן דעם זמר פון "איש חסיד היה" און "אליהו הנביא" אום מוצאי שבת.

עס איז אויך באקאנט אז רביה"ק זי"ע פלעגט ביי זמירות למוצאי שבת זאגן מיט גרויס דביקות אסאך מאל "אליהו הנביא".

*

אליהו הנביא קומט צו יעדע ברית און דערפאר איז מען מוחל פאר אלע אנוועזענדע זייערע אלע עבירות.

רביה"ק דערציילט אין עבודת עבודה (שיח"ק ח"ג) א וואונדערליכע מעשה וויאזוי אליהו הנביא האט מתקן געווען א נשמה שוין נאכן פאר'משפט ווערן צו גיהנם: עס איז געווען א מענטש מיטן נאמען רבי ברונא, רבי ברונא איז געווען א גרויסער עושר, און דער מצוה פון ברית מילה האט ער גענומען פאר זיך ווי א פערזענליכע מצוה און זיך כסדר משתדל געווען צו גיין צו יעדע ברית און זיין סנדק אדער ארויסהעלפן מיט וואס אימער. איין טאג איז ער רח"ל דורכגעפאלן מיט א עבירה וואס דער יצר הרע האט אים אונטערגעשטעלט.

ווען ער איז ארויפגעקומען אויף יענע וועלט האט מען אים גע'פסקנ'ט גיהנם, אבער נאך פארן אויספירן דעם פסק איז אליהו הנביא געקומען און זיך אנגענומען פארן מענטש, זאגענדיג, "דער מענטש איז געזיצן נעבן מיר ביי גאר אסאך ברית'ן, און וויאזוי קען ער זיצן אין גיהנם?", אזוי האט אליהו הנביא מתקן געווען די נשמה, אָן דארפן גיין אין גיהנם.

***

## ענף ג'

גילוי אליהו ביי צדיקים
פסח אויפדערנאכט / בימות השנה

## = גילוי אליהו פסח אויפדערנאכט ביי צדיקים =

עס איז באקאנט אז אפילו מיר זענען אין גלות און מיר געפינען זיך נישט אין ירושלים, און מיר זענען נישט מקריב דעם קרבן פסח, ברענגט אבער אליהו הנביא פאר די צדיקי הדור "אוירא דארץ ישראל" אינאיינעם מיט א שטיקל פונעם "קרבן פסח", און עס ווערט גערעכנט ווי די צדיקים זיצן אין ירושלים, און זענען מקיים דעם מצוה פון עסן דעם "קרבן פסח". דער הייליגער דברי חיים זי"ע לייגט צו, טאמער איהר וועט מיינען אז דאס איז ברוחניות, זאלט איהר וויסן אז ניין דאס איז בגשמיות, אליהו הנביא ברענגט "א שטיקל קרבן פסח".

מיר זענען טאקע נישט אין דעם מדריגה אז אליהו הנביא זאל אונז ברענגן א חלק פונעם קרבן פסח, אבער וואס מיר קענען יא טון איז עוסק זיין אין די מעשיות וואס איז באקאנט אז אליהו הנביא האט יא געברענגט פאר די צדיקים, און מיר בעטן דעם אייבערשטן "שיהא כאילו הקרבתי קרבן פסח כתיקונו". וועלן מיר אצינד בס"ד אראפברענגען עטליכע אינטערעסאנטע מעשיות ארום דעם.

*

דער הייליגער רבי שניאור זלמן בעל תורת חסד זצוק"ל האט קיינעם נישט ערלויבט צו מיטהאלטן זיין סדר נאכט, ער פלעגט זאגן פאר זיין רעבעצין די סיבה, "זאלסט וויסן אז אליהו הנביא קומט צו יעדע צדיק, אדער שיקט ער זיינס א שליח, דעריבער זאלסטו וויסן וויאזוי צו זיצן מיט אן אימה ופחד וויאזוי עס פאסט פאר די כבוד פון אליהו הנביא.

*

דער הייליגער רבי שמעון סופר זי"ע האט דערציילט: איהר זאלט מיר גלייבן, ווען מיין פאטער דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט אונז געגעבן די "כזיתים אפיקומן", ביים סדר נאכט, האבן מיר געשפירט א טעם פון פלייש ממש. רבי שמעון האט זיך אנגעכאפט דעם בארד, און געזאגט, "איך זאג אייך ביי די בארד אז דאס איז אמת..."

*

דער הייליגער דברי חיים זי"ע איז איין יאר פסח ביים סדר געווען צוגאסט ביים הייליגן רבי אשר'ל ראפשיצער זי"ע, קומענדיג צום אפיקומן האט רבי אשר'ל דערציילט אז ווען איך בין געווען ביים הייליגן לובלינער זי"ע פסח אויפדערנאכט ביים סדר, האט מען נאכן עסן די אפיקומן אנגעזעהן אויף זיינע שנאלצן אז עס זענען פעטיג, עס איז קענטיג געווען אז ער האט נארוואס געענדיגט עסן א פעט שטיקל פלייש, און דאס איז זיכער געווען וואס אליהו הנביא האט אים געברענגט פונעם "קרבן פסח".

דער דברי חיים האט איין יאר פסח ביים אפיקומן איבער דערציילט וואס רבי אשר'ל האט געזאגט ביים סדר, און דער דברי חיים האט צוגעלייגט, זאגענדיג אז, בשעת דעם וואס רבי אשר'ל האט דערציילט וואס מען האט געזעהן אויפן לובלינער'ס שנאלצן עסענדיג דעם אפיקומן, האט מען אויך אנגעזעהן אויף רבי אשר'לס שנאלצן אז עס זענען פעטיג.

דער הייליגער רבי אלעזר ריישער זי"ע איז דארט געווען ביים סדר ווען דער דברי חיים האט דאס דערציילט, און האט מעיד געווען אז בשעת דעם וואס דער דברי חיים האט עס דערציילט, איז אויך געווען קענטיג אויף זיינע שנאלצן ווי ער עסט פונעם "קרבן פסח"...

*

אין ספר "עבודת הלוים" ווערט געברענגט דאס פאלגענדע: הרה"ק רבי מרדכי זי"ע דער זון פון רבינו השרף אלוקי זי"ע האט איין יאר פסח געבעטן אויף אפיקומן אז ער וויל זוכה זיין צו זעהן אליהו הנביא מיט זיין אייגענע אויגן, דער הייליגער שרף האט מסכים געווען און אים געזאגט אז ער וועט זוכה זיין דערצו. די צווייטע

נאכט ביים סדר, ווען רבי מרדכי איז געגאנגען עפענען דעם טיר ביי שפוך חמתך האט ער טאקע זוכה געווען צו זעהן אליהו הנביא זכור לטוב אריינשפאנען צו זיי אין שטוב...

*

אין שטאט סטראפקוב איז ארויס א שמועה אז ביים הייליגן סדר פון הרה"ק רבי חיים יוסף גאטליעב אב"ד סטראפקוב זי"ע קומט אליהו הנביא צו גיין, ווי פארשטענדליך איז געווען א גרויס תשוקה פאר אסאך בעלי בתים צו מיטהאלטן די דערהויבענע עבודה ביים סדר, א סדר טיש וואו אליהו הנביא באווייזט זיך פארן ראש המסובין, דער סטראפקובער רב האט זייער גערן מסכים געווען און געזאגט פאר יעדעם דעם "כל דפכין ייתי ויפסח". ווי וואונדערליך איז דאס געווען, האלטענדיג אינמיטן די סדר האט באפאלן פאר אלע מסובין א שטארקע מידעקייט, און אלע זענען איינגעשלאפן ביז נאכן סדר, און קיינער האט נישט זוכה געווען צו זעהן וויאזוי אליהו הנביא באווייזט זיך צום סטראפקובער רב.

*

## = גילוי אליהו בימות השנה ביי צדיקים =

דער הייליגער רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויף איינעם, "דער האט גילוי אליהו". איינע פון די אנוועזענדע חסידים האבן זיך אנגערופן צום רבי'ן ר' אלימלך פרעגענדיג ווי קען דאס זיין, דער אבן עזרא זאגט דאך אז צו גילוי אליהו האבן נאר זוכה געווען צדיקים פון פריערדיגע צייטן, און פון זיין לשון זעהט אויס אז דער אבן עזרא זעלבסט האט נישט זוכה געווען דערצו, און דאס וועט דער רבי זיכער מודה זיין -זאגט דער חסיד פארן רבי ר' אלימלך- אז דער אבן עזרא איז געווען א הייליגערמענטש ווי פון אים וואס דער רבי האט יעצט געזאגט אז ער איז זוכה צו גילוי אליהו.

דער רבי ר' אלימלך האט ערקלערט פאר דעם ערשטוינטן חסיד, "אליהו איז א כלליות'דיגע נשמה, יעדער איד האט א ניצוץ אין זיין נשמה פון אליהו הנביא, דער איד האט געהאט גאר א קליינע ניצוץ פון אליהו איז ער געווען בכח דאס אויסצוארבעטן, האט זיך ביי אים אנטפלעקט דער ניצוץ פון אליהו הנביא, אבער דער אבן עזרא וואס איז טאקע אין אסאך העכערע מדריגה ווי דער איד, האט דאך תיכף באקומען א גרויסע ניצוץ...

*

ווען דער הייליגער חתם סופר איז געזיצן שבעה רח"ל, איז אנגעקומען צום הויז א פרעמדע גאסט און געפרעגט וואו דער רב איז איצט?, דער חתם סופר האט זיך באלד אנגעטון בגדי שבת זייענדיג אין די שבעה, און איז ארויס באגלייטן דעם גאסט.

ווען דער כתב סופר זי"ע האט באמערקט ווי דער טאטע איז מלובש אין בגדי שבת, האט ער אים געפרעגט, טאטע, וואס איז יעצט אז מען דארף אנטון שבת'דיגע מלבושים?, האט דער חתם סופר געענטפערט: "מיין קינד, אליהו הנביא דארף מען באגלייטן מיט די שבת'דיגע קליידער"...

*

דער הייליגער מגלה עמוקות זי"ע פלעגט יעדע נאכט וויינען און קלאגן אויפן חורבן בית המקדש, ער האט געהאט ספעציעלע ניגונים וואס ער פלעגט זינגן בשעת'ן אפרעכטן זיין הייליגע עבודה, ער האט אמאל געזאגט: "די ניגונים האט מיר אויסגעלערנט דער מאן מיטן לעדערנעם גארטל אויף זיינע לענדען"... (איש ואזור עור אזור במתניו, ד"מ אליהו הנביא).

דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע האט שוין אין זיין אינגן עלטער פון בלויז צוועלף יאר זוכה געווען צו גילוי אליהו.

איינמאל האט אים אליהו געזאגט, קום איך וועל דיר פארהערן. ער האט געעפענט די גמרא, און דער חידושי הרי"ם האט שפעטער דערציילט אז ער געדענקט נאך דעם דף וואס ער האט דאן געזאגט פאר אליהו. אינמיטן זאגן די גמרא האט אים אליהו פארקנייטשט דעם בלעטל, און אים געזאגט קום לאמיר ארויסגיין אקעגן גיין שמואל הנביא וועלעכע קומט אצינד צו גיין.

דער חידושי הרי"ם פירט אויס: "איהר זאלט נישט מיינען אז דאס איז געווען בדמיון, דאס איז געווען בהקיץ ממש"...

***

זאל השי"ת העלפן אז מיר זאלן בקרוב זוכה זיין אז אליהו הנביא זכור לטוב זאל זיך אנטפלעקן צו אונז און מבשר זיין אז משיח צדקינו קומט, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו מקריב זיין דעם קרבן פסח כתיקונו אין ירושלים עיה"ק ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בביאת גואל צדק ומלכינו בראשינו במהרה בימנו אמן כן יהי רצון.

וְהוֹצֵאתִי, וְגָאַלְתִּי, וְהִצַּלְתִּי, וְלָקַחְתִּי, וְהֵבֵאתִי!

***

**בכל בר ישראל יש ניצוץ מאליהו הנביא**

**בזה שאנו דבוקים אל הצדיקים, יש לנו חיות, ובלעדיהם אין לנו חיות, כי מצד עצמינו אין לנו שום כח, אלא מכח הצדיקים, וכח הצדיקים משורש בנו, "כי בכל בר ישראל יש ניצוץ מהאבות הקדושים, וניצוץ מאליהו הנביא, וניצוץ ממשה רבינו," וכן באים צדיקים מעלמא דקשוט תמיד ללוות אותנו ולסייענו.**

(עבודת עבודה שיח"ק ח"ג עמ' שיז)

***

# אין איין ווארט

מה נעשה ונשמע בין כותלי מוסדותינו דעם פארגאנגענעם זמן החורף העעל'ט אראפ געשריבן אין קורצע ווערטער.

## הנהלה

- אריינגעמופט און א נייע גרויסע באקוועמע בנין
- אויפגענומען א סגן מנהל מומחה בשדה החינוך הרב משה מרדכי הכהן שטיינבערגער שליט"א
- אויפגענומען א פרישע מלמד מלמד מומחה שנים רבות בקריתינו הקדושה הרב שמואל פישער שליט"א
- אויפגענומען א פרישע עוזר בנן של קדושים הרב אברהם יצחק הכהן קאהן שליט"א נכד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
- אויפגענומען א נייע סעקעטערי פארן מוסדות מו"ה ניסן ראזענבערג הי"ו לטובת ההורים והנהלת המוסדות
- אויפגענומען נאך א באס דרייווער לתועלת התלמידים מו"ה שלום דוב הירש הי"ו
- געקויפט א פרישע באס פארן מוסדות

## מעמדים

- געפראוועט א הערליכע סעודת הודאה ביום הצלת רביה"ק זי"ע כ"ג כסלו בקרב מוסדותינו הק'
- כ"ק רבינו שליט"א געקומען אויף א באזוך בקרב מוסדותינו הקדושים ב' ד'חנוכה
- געפראוועט א חמשה עשר בשבט סעודה בקרב מוסדותינו הק'
- געפראוועט א מעמד הכנה ליו"ט פורים בקרב מוסודתינו הק'
- געפראוועט געהויבענע שמחת בבית צדיקים שמחת החלאקע בן הגה"צ אבדק"ק שליט"א
- געפראוועט א יארצייט סעודה מיוחד לאברכי אנ"ש לעילוי נשמת די הייליגע בת עין זי"ע
- געפראוועט א געהויבענע סעודת ר"ח ניסן בבית הרב שלמה גרינבוים שליט"א מנכ"ל המוסדות ספעציעל פאר די חשובע מלמדים
- געפראוועט געהויבענע מעמד נהדר אמה של מלכות ספעציעל געאייגענט פאר די חשובע הורי המוסדות די חשובע מאמע'ס

## באזוך

- געהאט די זכיי אז די רב שליט"א איז געקומען אויף א באזוך, און פארהערט די חשובע קינדער פון כתה ב' די הייליגע ואני
- געהאט די זכיי אז בני כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א זענען געקומען אויף א באזוך בקרב מוסדותינו
- געהאט די זכיי אז הרה"צ ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א מבישטינא זענען געקומען אויף א באזוך בקרב מוסדותינו
- די לעכטיגע קינדער זענען געגאנגען באזוכן די בארימטע וויז'ניצע מצה בעקערי פרשת בא

## כתה ב'

- מלמד: הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט"א
- די קינדער האבן אן אוצר התיבות א אוצר פון לשון קודש וואס זיי האבן קונה געווען
- די קינדער האבן באקומען א געוואלדיגע ווארימקייט און עבודת התפלה
- די קינדער האבן קונה געווען א געוואלדיגע געשמאק און הבנה און לערנען חומש
- געהערט גאר שיינע מוסר און השקפה און סיפורי צדיקים משולב און די פרשה פון די וואך
- זיך אויסגעלערנט לערנען בחברותא איינע מיטן אנדערן

## כתה א'

- מלמד: הרב חיים ראטטענשטיין שליט"א
- זיך געלערנט זאגן גאנצע ווערטער אינאיינעם
- אנגעפאנגען דאווענען און א סידור
- געפראוועט א יארצייט סעודה לעילוי נשמת די הייליגע בת עין זי"ע
- געפראוועט א געהויבענע מעמד התחלת לימוד עברי

## קינדערגארטן

- מלמד: הרב שמואל פישער שליט"א
- אנגעפאנגען לערנען די הייליגע אלף בית
- געפראוועט א שיינע מסיבת סיום ווען מען האט אנגעקומען צו אות י'
- זיך אויסגעלערנט ווי אזוי א ערליכע איד גיסט זיך אפ נעגל וואסער ווען ער שטייט אויף
- זיך אויסגעלערנט באס סעיפטי פאר די קינדער
- געהערט שיינע עניני אמונה און בטחון
- זיך שיין פארשטעלט לכבוד פורים ווי דוד המלך

## נורסערי

- מלמד: הרב אפרים יואל פיש שליט"א-נכד רביה"ק זי"ע
- אנגעפאנגט דאס יאר פיל מיט חיות און ברען
- זיך שיין צוגעהערט וויאזוי די מלמד פארציילט די פרשה
- אריינגעבאקן און די הערצער תורה און יראת שמים
- זיך שיין געשפילט און פארברענגט צוזאמען ווי עס פאסט

## ממדרגה למדרגה

א גאר פרייליכע שטומונג הערשט און די יעצטיגע טעג און די כתה ב' קלאס ד'מוסדותינו הקדושים. ווען און א מזל'דיגע שעה טראץ די אנגעשטרענגטע טעג פון ערב פסח. ווען מען פראבירט צו זיך גרייטן צום הייליגן יום טוב די מערסטע וואס עס שייך. האט מען זוכה געווען און די יעצטיגע צו אנפאנגען די הייליגע לימוד פון רש"י ווען מען האט די פארגאנגענע וואך פרשת צו אנגעפאנגען און געלערנט די ערשטע רש"י.

די גרויסע שמחה קומט נאך וואכן פון ימי הכנה ווען די לעכטיגע קינדער האבן געלערנט די הייליגע חומש מיט א פלייסיגקייט. און דערנאך האט מען אנגעפאנגען צו לערנען די הייליגע רש"י אותיות זיך צו באקענען דערמיט פון דערנאנט. און אצינד און די יעצטיגע טעג האט מען און א מזל'דיגע שעה אנגעפאנגען צו לערנען די הייליגע רש"י.

השי"ת זאל העלפן מיר זאלן ווייטער זעהן וויאזוי די לעכטיגע קינדערלעך שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים בזכותו הגדול של אותו זקן רבינו הקדוש זי"ע.

# הודה והברכה

הגליון נתנדב ע"י

ידידינו היקרים

## הרה"ח ר' דויד פעלבערבוים שליט"א

מחשובי אנ"ש בווזמ"ס

לעילוי נשמת אביו הרה"ח רבי שלום אליהו בן ר' שמואל יודא ז"ל (פעלבערבוים)

ולזכות נכדו הילד החשוב כמר שלום אליהו פרושינובסקי נ"י-כתה א

## מו"ה מרדכי יהודה שווארטץ הי"ו

מחשובי הורי המוסדות

לעילו נשמת זקינו הרה"ג המפורסים רבי אליעזר דוד ב"ר חיים זצ"ל (פאל) ר"מ בישיבותינו הק' רבות בשנים

ובמח"ס חשב האפוד

ולזכות בנו הילד החשוב כמר אליעזר דוד נ"י-קינדערגארטן

## הרה"ג ר' משה האלצער שליט"א

ראה"כ ויואל משה ד'סאטמאר מאנסי ודומ"ץ במאנסי

מחשובי הורי המוסדות

לזכות בנו הילד החשוב כמר אהרן נ"י-קינדערגארטן

## מו"ה אברהם וויינשטאק הי"ו

מחשובי הורי המוסדות

לזכות בנו הילד החשוב כמר מרדכי דוב נ"י-כתה ב'

לזכות בנו הילד החשוב כמר חיים בנימין נ"י-נורסערי

## מו"ה יוסף בנציון וועבערמאן הי"ו

מחשובי הורי המוסדות

לזכות בנו הילד החשוב כמר משולם פייש נ"י-נורסערי

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן

ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה